**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/03/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף צווייטע פארשלאג פון 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע: די 'צוריק צו די יסודות' פלאן צו פארבעסערן לייענען פעהיגקייט**

***גאווערנער וועט פארשלאגן א ביל צו זיכער מאכן אז אויפגעוויזענע רעקאמענדירטע סטאנדארטן ווערן גענוצט אין סקולס אריבער ניו יארק***

***צו העלפן שילער און שטיצן לערער, וועט א 10 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג טרענירן 20,000 לערער אין "וויסנשאפט פון לייענען" קלאסן***

***SUNY און CUNY 'מייקראָו-קרעדענטשעל' פראגראם פאר לערער וועט זיך אויסברייטערן צו זיכער מאכן אז קומענדיגער דור פון מחנכים באנוצן זיך מיט אויפגעוויזענע רעקאמענדירטע סטאנדארטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעדעקט איר 'צוריק צו די יסודות' (Back to Basics) פלאן צו פארבעסערן לייענען פעהיגקייט אין ניו יארק אלס טייל פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. כדי צו אריבערפירן ניו יארק צו לייענען קלאסן וואס לערנען אויס שילער די פונדאמענטאלע סקילס וואס זיי דארפן צו ווערן טיכטיגע לייענער, וועט גאווערנער האקול פארשלאגן א ביל צו זיכער מאכן אז אויפגעוויזענע רעקאמענדירטע סטאנדארטן ווערן גענוצט אריבער גאנץ ניו יארק. די גאווערנער וועט אויך פארשלאגן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונגען צו טרענירן 20,000 לערער אין די וויסנשאפטליכע רעקאמענדירטע סטאנדארטן וויאזוי צו אויסלערנען קינדער צו לייענען, און זי האט אנאנסירט אן אויסברייטערונג פון SUNY און CUNY'ס 'מייקראָו-קרעדענטשעל' פראגראמען פאר לערער וואס זענען קאנצענטרירט אויף די וויסנשאפט פון לייענען, צו זיכער מאכן אז יעצטיגע און צוקונפטיגע לערער וואס זוכן זיך צו ווייטער אויסבילדן אין חינוך זענען אמבעסטן צוגעגרייט.

"לייענען איז די יסוד פון אונזער חינוך סיסטעם, אבער ניו יארק סטעיט קומט דערוויל נישט נאך פונדאמענטאלע לייענען פעהיגקייט שטאפלען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר קענען נישט פארזעצן צו ערלויבן אונזערע קינדער צו ווערן נאך מער הונטערשטעליג דורכן נוצן אן אור-אלטע און אפגעפרעגטע צוגאנג זיי צו אויסלערנען וויאזוי צו פארשטיין וואס זיי לייענען. אונזער 'צוריק צו די יסודות' איניציאטיוו וועט פונדאסניי אויסשטעלן די צוגאנג פון סקולס צו לייענען, זיך צוריקקערנדיג צו אויפגעוויזענע טעכניקן. צוזאמען מיט אינוועסטירונגען אין לערער טרענירונג פראגראמען, נעמען מיר זיך צו די אנגעלעגנהייט מיטן פולן קראפט צו זיכער מאכן אז אונזערע לערער און קינדער זענען אוועקגעשטעלט צו קענען מצליח זיין."

די מעגליכקייט צו קענען לייענען פון די דריטע קלאס איז א וויכטיגע סימן איבער א שילער'ס צוקונפטיגע הצלחה. שילער וועלכע האנדלען זיך נישט איין די פעהיגקייט ביז סוף פון די דריטע קלאס זענען פיר מאל אזוי ווארשיינליך צו ארויספאלן פון סקול, מיט די ראטעס פון קינדער וואס פאלן ארויס ווערנדיג נאך אפילו שארפער פאר שילער פון שוואכערע מינאריטעטן און שוואכערע הונטערגרונטן. אין צוגאב, האט דאס

נישט אנקומען צו לייענען פעהיגקייט אין א פריע עלטער א השפעה וואס גייט ווייטער, קענענדיג פירן צו צושטערן א שילער'ס אקאדעמישע וועג, אפעקטירנדיג די צוקונפטיגע פאטענציאל צו קענען פארדינען געלט, געזונטהייט און וואוילזיין. אנערקענענדיג די דרינגנדע נויט צו פארבעסערן לייענען פעהיגקייט און צו פארזיכערן די הצלחה פון שילער, זענען מער פון 30 סטעיטס שוין אריבערגעגאנגען צו א 'צוריק צו די יסודות' צוגאנג.

אלס טייל פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, אנאנסירט גאווערנער האקול עטליכע איניציאטיוון צו צוריק ארויפברענגען ניו יארקע קינדער אויף די ריכטיגע וועג.

גאווערנער האקול'ס 'צוריק צו די יסודות' לייענען פלאן נעמט סטעיט-ברייטע שריט צו זיכער מאכן אז יעדע סקול דיסטריקט באנוצט זיך מיט די רעקאמענדירטע שיטות צו אויסלערנען קינדער וואס זענען באזירט אויף די וויסנשאפט פון לייענען. גאווערנער האקול וועט ארבעטן צו אריבערפירן דאס יאר א ביל צו אויפפאדערן די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט (State Education Department, SED) צו שטופן פאר רעקאמענדירטע סטאנדארטן ביים אויסלערנען קינדער צו לייענען, און אז די סקול דיסטריקטס נעמען אן די שיטות. די צוגאנג רעכנט אריין אויסלערנען קינדער צו פארשטיין וויאזוי ווערטער באשטייען פון באזונדערע קלאנגען; די קשר צווישן די קלאנגען און די אותיות; פארשטיין וויאזוי ארויסצוזאגן ווערטער; בארייכערן די ווערטער אוצר; און פארשטיין וואס עס שטייט.ביז סעפטעמבער פון 2025, וועלן אלע סקול דיסטריקטס דארפן באקומען סערטיפיקעישען פון די SED אז זייערע לערנען מאטעריאלן, אויסלערנען סטראטעגיעס און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פון לערער זענען אין איינקלאנג מיט אלע עלעמענטן פון די רעקאמענדירטע אויסלערנען סטאנדארטן.

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר פאר לערער טרעינירונג פראגראמען צו זיכער מאכן אז לערער זענען צוגעגרייט זיך צו באנוצן מיט איפגעוויזענע סטאנדארטן אין די קלאס צימער. די ניו יארק סטעיט United Teachers און United Federation Teachers יוניאנס האבן שוין אנגעהויבן מיטן טרענירן טויזנטע לערער אין די וויסנשאפט פון לייענען, און די פינאנצירונג וועט שטיצן די טרענירונג פון נאך 20,000 לערער און לערער געהילפן אין עלעמענטערי סקול.

כדי צו אנגרייטן ניו יארק'ס יעצטיגע און צוקונפטיגע לערער וועלכע זוכן זיך צו ווייטער אויסבילדן, רעכנט גאווערנער האקול'ס 'צוריק צו די יסודות' פלאן אויך אריין דאס בארייכערן און אויסברייטערן די SUNY און CUNY 'מייקראָו-קרעדענטשעל' פראגראם פאר לערער וואס קאנצענטרירט זיך אויף די וויסנשאפט פון לייענען.

**ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "פלעגן אויסגעצייכנטקייט אין לייענען קענטעניס און באפולמעכטיגן יונגע מוחות איז גאר וויכטיג צו נערן די חינוך'דיגע רייזע פון אונזערע סטעיט'ס יונגסטע לערנער. זיך באנוצנדיג מיט איפגעוויזענע שיטות צו אויסלערנען קינדער צו לייענען, קענען אונזערע מחנכים אהערשטעלן אן ארומנעמיגע צוגאנג וואס בארייכערט לייענען קענטעניס און שטאט אויס די לערנער מיט די נויטיגע כלים צו קענען עפעקטיוו קאמוניקירן מיט אנדערע און לערנען דורכאויס זייערע לעבנס. די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט ארבעט צו זיכער מאכן אז אלע שילער האבן די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין אין קענטעניס און אין לעבן, אפגעזעהן פון די אונטערשיידן אין די וועג וויאזוי זיי לערנען. עס קומט זיך פאר אלע שילער צו האבן די געלעגנהייט צו באקומען א חינוך פון א הויכע קוואליטעט וואס ערלויבט זיי צו בליהען."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס פארגעשלאגענע 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן טויזנטע לערער אין די וויסנשאפט פון לייענען וועט ערמעגליכן דורות פון שילער צו זיין שטארקע לייענער און ערפאלגרייכע בירגער. SUNY איז די גרעסטע טרענירונג שטח פאר- און מחנך פון- ניו יארק'ס לערער. מיר זענען שטאלץ מיט די 'וויסנשאפט פון

לייענען' 'מייקראָ-קרעדענטשעל' פראגראם וואס איז יעצט אין פלאץ ביי SUNY ניו פּאַלץ, און מיר קוקן ארויס צו פארגרעסערן דעם פראגראם, די פעהיגקייטן פון אונזערע לערער און די הצלחה פון אונזערע שילער נאך ווייטער."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז האט געזאגט,** "מיר זענען דערפריידט צו שטיצן גאווערנער האקול'ס 'צוריק צו די יסודות' פלאן צו אונטערהייבן פריע לייענען קענטעניס אין ניו יארקע סקולס דורכן אריינגעמען די וויסנשאפט פון לייענען אין די טרענירונג פון לערער און זיכער מאכן אז אלע שילער האנדלען זיך איין די פונדאמענטאלע פעהיגקייטן וואס זיי דארפן צו זיין טיכטיגע לייענער. CUNY גרייט צו קרוב צו א פערטל פון ניו יארק סטעיט'ס קלאסצימער לערער, און מיר זענען איבערגעגעבן זיי צו אויסשטאטן מיט די בעסטע שיטות צו פארבעסערן זייערע לייענען קלאסן, פאראויס שטופנדיג חינוך'דיגע גערעכטיגקייט אין אונזער שטאט און סטעיט."

**NYSUT פרעזידענט מעלינדע פערסאן האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז די מעגליכקייט צו לייענען עפנט וועלטן פאר קינדער, און מחנכים ווייסן אז עס איז א שליסל צו אקאדעמישע הצלחה. דאס איז אן אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון אונזערע שילער. דורכן גיבן פאר אונזער מחנכים צוטריט צו נייע מיטלען און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג, גיבן מיר פאר יעדער שילער די געלעגנהייט צו ווערן א שטארקע לייענער."

**סטעיט סענאטאר ברעד האָילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "לייענען פעהיגקייט איז די גרונדשטיין פון אן ערפאלגרייכע חינוך, אבער רוב קינדער אין ניו יארק קומענן נישט נאך די פונדאמענטאלע לייענען סטאנדארטן ביז די דריטע קלאס. די תוצאות זענען באזונדערס אנטמוטיגנד פאר די טויזנטע שילער מיט דיסלעקסיע, ווי מיין אייגענע טאכטער, וואס איז נישט דיאגנאזירט געווארן ביז די פערטע קלאס. צאללאזע קינדער ווערן נישט דיאגנאזירט מיט דיסלעקסיע ביז עס איז צו שפעט — אויב זיי ווערן בכלל אמאל געוואויר איבער דעם. לעצטער חודש האט גאווערנער האקול זיך אוועקגעשטעלט אויף די זייט פון קינדער אריבער די סטעיט מיטן אונטערשרייבן מיין ביל צו אוועקשטעלן א 'דיסלעקסיע און דיסגרעפיע ספעציעלע איינהייט' (Dyslexia and Dysgraphia Task Force), און איך בין שטאלץ צו שטיין מיט איר דא היינט צו שטיצן די אריבערגאנג צו אויפגעוויזענע שיטות צו אויסלערנען קינדער צו לייענען אין יעדע סקול. די ביל און פינאנצירונג וועלן זיין א דורכברוך פאר קינדער אריבער אונזער געוואלדיגע סטעיט."

**אסעמבלי מיטגליד ראבערט קעראל האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר די וויכטיגע פארשלאג צו העלפן פארבעסערן לערער טרענירונג אין באציאונג צו וויאזוי קינדער ווערן אויסגעלערנט צו לייענען אין אונזער סטעיט. זי ווייזט אן אויף- און אידענטיפיצירט ריכטיג איינס פון די זאכן וואס ליגן ביים שורש פון אונזער סטעיט'ס לייענען פעהיגקייט קריזיס: די באנוץ מיט לערנען מאטעריאלן און שיטות צו אויסלערנען לייענען וואס זענען נישט באגרונדעט אין די וויסנשאפט פון לייענען. איך בין געווען אן עקשנות'דיגע שתדלן צו אויספאלגן די וויסנשאפט פון לייענען, און אלס א מענטש מיט דיסלעקסיע, ווייס איך ערשטהאנטיג ווי וויכטיג עס איז צו נוצן אויפגעוויזענע שיטות. די פארשונג איז קלאר אז אלע שילער זענען בעסער מצליח ווען לערער זענען גוט טרענירט אויף די וויסנשאפט פון לייענען און ווען אויפגעוויזענע שיטות ווערן איינגעפירט מיט געטריישאפט, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די גאווערנער דאס צו מאכן פאר א מציאות אין ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון סקול סופּעראינטענדענטס עקזעקיוטיוו דירעקטאר, טשארלס דעדריק, האט געזאגט,** "אונזער סטעיט קאנסטיטוציע פארשפרעכט פאר אלע קינדער א בילדונג וואס גרייט זיי אן פאר הצלחה אין זייער ערוואקסענע לעבן. כדי צו ערפילן די צוזאג, דארפן אונזערע יונגע לייענער די בעסטע צוגעגרייטע לערער און די שטערקסטע שטיצע וואס די סטעיט קען נאר צושטעלן. לייענען בויט אויף א יסוד פאר אלע אנדערע לערנען. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן ווידעראמאל זיך פארפליכטן צו שטיצן אונזער ארבעט."

**ניו יארק סטעיט סקול באורד אסאָוסיעישען עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראבערט ס. שניידער, האט געזאגט,** "שטארקע לייענען פעהיגקייטן שטעלט אוועק די יסוד פאר צוקונפטיגע לערנען און הצלחה ביי די ארבעטספלאץ. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר אירע באמיאונגען צו זיכער מאכן אז אונזערע לערער נוצן אויפגעוויזענע טעכניקן צו אויסלערנען די קינדער צו לייענען און פארן צושטעלן פינאנצירונג צו שטיצן די פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן. די גאווערנער'ס איניציאטיוו צו פארבעסערן עפעקטיווע לייענען קלאסן וועלן העלפן בעסער צוגרייטן אונזערע שילער פאר די צוקונפט."

**סקול אדמיניסטראטארן אסאָוסיעישען פון ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קעווין קעיסי, האט געזאגט,** "די גאווערנער'ס איניציאטיוו צו פארבעסערן לייענען קלאסן, דורך די וויסנשאפט פון לייענען און דורך אויפגעוויזענע שיטות, זעצט פאר ניו יארק'ס שטארקע פארפליכטונג צו אויסגעצייכנטקייט אין חינוך. פאר די ארבעט פארלאנגט זיך שטארקע פירערשאפט, מיטלען און אנגייענדע פארפליכטונגען. די גאווערנער'ס אנאנס איבער א 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פארבעסערן לייענען קלאסן איז א שטארקע אנהויב צו שטיצן סקולס וואס נעמען אונטער די ארבעט."

**ניו יארק סטעיט PTA פרעזידענט, העלען האפמאן, האט געזאגט,** "NYS PTA איז באגייסטערט אז גאווערנער האקול שטיצט אונזערע געוואלדיגע מחנכים, סקולס, פאמיליעס און קינדער אין די וויכטיגע ארבעט. די וויסנשאפט פון אויסלערנען קינדער צו לייענען האט זיך אוודאי געטוישט מיט די יארן, און מיט די נייע איינשפריץ פון מיטלען, וועט שטיצע פאר די וויכטיגע ארבעט וואס לערער טוהען יעדן טאג אין די קלאסצימער אויסגעברייטערט ווערן. מיר באדאנקען אויך די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט פאר זייער אנגייענדע שטיצע פאר לייענען פעהיגקייט און פאר די קריטישע ארבעט וואס זיי טוהען צו שטיצן קינדער און ציהען אויפמערקזאמקייט צו די נושא."

**ניו יארק סטעיט PTA עקזעקיוטיוו דירעקטאר – און עלטערן פון א סקול קינד – קייל בעלאקאפיטצקי, עסקווייער, האט געזאגט,** "עלטערן זענען איינשטימיג — שטיצע פאר לייענען פעהיגקייט, באזונדערס שטיצע אין די פריע יארן, איז א וויכטיגע באשטאנדטייל פון הצלחה פון שילער. עלטערן, פאמיליעס, מחנכים און סקולס ארבעטן יעדן טאג צו שטיצן קינדער'ס לייענען און קענטעניס ציהלן, און די איבערגעגעבנקייט פון אונזער מחנכים צו אריינבאקן די ליבשאפט צו לייענען אין אונזערע קינדער איז אומפארגלייכליך. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר די פארשלאג, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו מאכן יעדעס קינד'ס פאטענציאל פאר א רעאליטעט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418